כ״ז כסלו יום ג׳ דחנוכה תש״ם / מאָנטיקדעם 17טן דעצ. 1979

זײער חשובער און טײערער ה. בײם!
װאָס מאכט איר? איך האָף אז די צײט פארבראכט אין
ארץ ישראל איז געװען אן אָנגענעמע און אז איר האָט געהאט
א נסיעה א גוטע צוריק אין האָלאנד און אז דאָס איצטיקע בריװל
טרעפט אײך געזונט און שטארק.

װאָס איז שײך די ערשטע אויפלאגעס פון שארית און
ירושה, װיל איך זײ זײער האָבן און כ׳װאָלט זיך געפרײט צו
קויפן אן אנאָנס אין דער אויסגאבע װאָס איר דערמאָנט, נאָר
כ׳האָב ניט דעם אדרעס און כ׳קען ניט שרײבן נידערלענדיש.
נאָר װי ס׳זאָל ניט זײן, װעל איך אײן זײער דאנקען פאר
װעלכן ניט איז הילף בײם באקומען אָט די צװײ װערק און כ׳װעל
תיכף ארויסשיקן א טשעקצו דעקן די הוצאות. אויב איר
פערזענלעך װאָלט געקענט אונטערחתמענען די ביכער, װאָלט דאָס
געװען א גװאלדיק גרויסער כבוד פאר מיר.

װאָס איז נוגע די אנדערע ביכער און ארטיקלען:
דאָס בוך ״ידישיזמען װאָס זײנען ארײן אין נידערלענדיש האָב
איך פאר צװײ יאָרן געקויפט פונעם ארויסגעבער, ס׳איז אויך
א גרויס װערק אין װעלכן כ׳קוק אָפט ארײן.*

די קאָנפערענץ אין ניו-יאָרק איז געװעןאאן אינטערעסאנט
אנטע. דאכט זיך מיר אז כ׳האָב אײך שוין דערמאָנט אז כ׳האָב
געלײענט א רעפעראט איבער דער אינעװײניקסטער קלאסיפיקאציע
פון די מערב-ײדישע דיאלעקטן. כ׳לײג דאָ ארײן א קאָפּיע פונעם
אויסטײל בלעטל. אין רעפעראט האָב איך א סך מאָל דערמאָנט
אײערע װערק אלס די בעסטע קאָמפּילאציעס פון מערב ײדיש אינעם
צװאנציקסטן יאָרהונדערט. נאָך דער שפראך-סעסיע האָט פראָפעסאָר
מ. הערצאָג באזונדער דערמאָנט פארן עולם אין ײװאָ די גרויסע
אויפטוען אײערע און ער האָט געבעטן פארן עולם אז איך (װיסנ-
דיק אז איך שרײב זיך מיט אײך דורך) זאָל אײך איבערגעבן א
הארציקן װאונטש פון אָנערקענונג און בעסטע ברכות פון דער
53סטער ײװאָ-קאָנפערענץ אין נסו-יאָרק.

א גרויסן דאנק פאר די ביאָגראפישע ידיעות! די
רירנדיקע טראגעדיעס, די אומגעהײער גרויסע אויפטוען װאָס איר
האָט באװיזן דארפן דינען װי א מוסטער פון גבורה און
שעפערישקײט װאָס איז פאר יעדן א גרויסע אינספּיראציע.

דער ספר זכרונות פון 1754 אין האָלענדישן ײדיש װאָלט
פאר מיר געװען זײער װיכטיק און כ׳װאָלט שטארק געדאנקט װען
כ׳קען געװאויר װערן װי אזוי איך װאָלט א קאָפּיע דערפון געקענט
באקומען.

אז איך קען אײך אין לאָנדאָן מיט עפּעס צו ניץ קומען
װעל איך זיך פרײען דאָס צו טאָן. מיט דאנק און דרך ארץ בלײב
איך אײער תלמיד און פרײנד

* [illegible]